STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06250

DER GEFANGENER FUN SHILON

George Gordon Byron Byron

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לאָרד בייראָן:

דער געפאנגענער פון שילאן

אידיש: דר. א. אייסען

פאַרלאַג „פעדער".

Copyright
by Dr. A. ASEN
1925

מיין ליבּער פאניא

א מתּנה.



לאָרד בייראָן (1788—1824)

לאָרד בייראָן (1824—1788)

לאָרד בייראָן, (דזשאָרדזש גאָרדאָן), איז געבוירן געוואָרן אין לאָנדאָן דעם 22טן יאַנואַר, 1788. ער איז געווען דער איינציקער זון פון קאַפּיטאַן דזשאָן בייראָן. זיינע עלטערן האָבן ניט געהאַט קיין גוט לעבן. בייראָנ׳ס פאָטער איז געווען אַ גרויסער פאַר־שווענדער, און אַ קורצע צייט האָט ער אויסגעבראַכט דעם פאַר־מעגן וואָס ער האָט געקראָגן פון זיין פרוי. ווען בייראָן איז נאָך געווען אַ קינד, האָט די מוטער זיך געשיידט מיט זיין פאָטער און איז מיט׳ן יונגן בייראָן אַוועק קיין לאָנדאָן. ווען בייראָן איז אַלט געווען 11 יאָר, איז זיין מוטער אַוועק מיט אים וואוינען אין דעם אַלטן פאַמיליע פּאַלאַץ, ניוסטעד עבי.

געלערנט האָט בייראָן פריער אין דולוויטש קאָלעדזש, דער־נאָך אין האַראָ. זיינען ראָמאַנען האָבן זיך אָנגעהויבן ווען ער איז נאָך געווען זייער יונג. צו ניין יאָר איז ער געווען פאַרליבט אין מערי דאַף. שפּעטער איז ער געווען פאַרליבט אין זיין קוזינע, מאַר־גאַרעט פּאַרקער. אָבער דער ראָמאַן האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן, ווייל זי איז יונגערהייט געשטאָרבן. זיין שטאַרקסטע ליבע איז געווען מיט פרייליין מערי טשאַוואָרט, וועמען ער האָט באַגעגנט דאָס ערשטע מאָל ווען ער איז געפאָרען אויף אַ וויזיט קיין ניוסטעד, אין 1803. פרייליין טשאַוואָרט׳ס פאָטער איז גע׳הרג׳עט געוואָרן פון בייראָנ׳ס עלטער־פעטער. און אַזוי ווי זי איז געווען מיט צוויי יאָר עלטער פון אים, האָבן די אורזאַכן געשטערט זייער אינטי־מיטעט.

אין 1805 איז בייראָן אריין אין טריניטי קאָלעדזש, אין קיימ־ברידזש. דעם צווייטן יאָר האָט בייראָן געלאָזט אָפּדרוקן אַ בוך לידער. מען האָט אים צוגערעדט ער זאָל פאַרניכטן די גאַנצע אויסגאַבע. האָט ער דאָס דורכגעפירט. אין 1807 האָט ער נאָכ־אַמאָל אָפּגעדרוקט דעם זעלבן בוך לידער, אויסלאָזנדיק איינינע

אַלטע לידער און צוגעבנדיק נייע. דעם זעלבן יאָר האָט בייראָן פאַרעפנטליכט: „האורס אָוו איידלנעס“ (שטונדן פון ליידיגגיין). דער צווייטער בוך לידער איז שאַרף אָרונטערגעריסן געוואָרן פון בראָגהעם, אין דער „עדינבורג רעוויו“. בייראָן האָט געמיינט, אַז די אַטאַקע איז געקומען פון דזשעפרי, דער רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל. אַלס ענטפער צו זיין פיינטלאַכן קריטיקער האָט בייראָן אָנגעשריבן די שאַרפע סאַטירע: „אינגליש באַרדס ענד סקאַטש ריוויוערס“. די סאַטירע איז געווען געשריבן מיט אַזאַ געוואַגט־קייט און אַזוי בליציק און טרעפנד, אַז זי האָט אָנגעמאַכט אַ שטור־רעם אין דער ליטעראַרישער וועלט.

באַלד נאָך דעם האָט בייראָן פאַרלאָזן ענגלאַנד און געפאָרן אויף אַ לוסט־רייזע קיין פּאָרטוגאַל, שפּאַניען, טערקיי און גריכנ־לאַנד. ווען ער איז צוריקגעקומען פון דער רייזע האָט ער פאַר־עפנטליכט צוויי קאַנטאָס פון „טשיילד האַראָלד“. די צוויי קאַנ־טאָס זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס באַגייסטערונג און בייראָן איז אָנערקענט געוואָרן אַלס גרויסער דיכטער פון זיין לאַנד. אין די שפּעטערדיקע צוויי יאָר האָט ער פאַרעפנטליכט: „דהי ברייד אָוו אַביידעס“, „דהי קרוסיידער“ און „לאַרא“. אין דער צייט ווען ער האָט געשריבן די לידער איז ער געווען דער אָפּגאָט פון לאָנדאָן, און ער האָט געפירט אַ שטורמיקן לעבן. אָבער צופרידן איז ער ניט געווען, ניט מיט זיך און ניט מיט'ן גאַנצן לעבן.

אין 1815 האָט בייראָן געהייראַט מיט פרייליין מילבענק. דאָס איז ניט געווען קיין הייראַט, נאָר אַן אומגליקלאַכער צופאַל. זיי האָבן געלעבט צוזאַמען בלויז איין יאָר. נאָכדעם ווי זי האָט גע־בוירן אַ טאָכטער, איז ליידי בייראָן אַוועק מיט'ן קינד צו אירע עלטערן און מער ניט געוואָלט צוריקקערן זיך צו בייראָנ'ען. דאָס פּוריטאַנישע ענגלאַנד האָט דאַן געקראָגן אַ נייע פּעפּערדיקע טעמע וועגן וואָס צו רעדן. און בייזע צינגער האָבן גערעדט וויפיל זיי האָבן נאָר געקענט. ער, וועלכער איז פריער געווען ענגלאַנד'ס אָפּגאָט, איז שפּעטער געוואָרן אַ סוביעקט פאַר שפּאָט. אין איינעם פון זיינע בריוו שרייבט בייראָן פון איטאַליע: „איך האָב געפילט,

אַז אויב דאָס, איבער וואָס מען האָט זיך גע'סוד'עט, געמורמעלט און געשושקעט, איז אמת, דאַן בין איך ניט פּאַסענד פאַר ענגלאַנד, ווי דאָס פאַלשע ענגלאַנד איז ניט פּאַסענד פאַר מיר. איך בין אַוועק".

דאָס צעשיידן זיך מיט זיין פרוי, און דאָס אַוועקפאָרן פון ענגלאַנד אין 1816, איז געווען אַ וויכטיקע געשעעניש אין ביי־ראַנ'ס לעבן און פאַראורזאַכט אַ טיפע ענדערונג אין זיין שאַפן. זיין פאַרצווייפלונג און פאַרביטערקייט האָט סטימולירט זיין פאַנ־טאַזיע. פאַר די זעקס מאָנאַטן וואָס ער איז געווען אין זשענעווע, האָט ער אָנגעשריבן די דריטע קאַנטאָ פון „טשיילד הערואַלד", „דהי פּריזאָנער אָוו שילאָן" (דער געפאַנגענער פון שילאָן, איבער־זעצט אין אידיש אין דעם בוך), „מאַנפריד" און „דהי לאַמענט אָוו טאַסאָ" איז געשריבן געוואָרן אין 1817. דעם צווייטן יאָר איז ער געווען אין וועניציע און דאָרטן האָט ער פאַרענדיקט זיין „טשיילד הערואַלד". אין פאַרלויף פון די שפּעטערדיקע דריי יאָר האָט ער געשאַפן די ערשטע פינף קאַנטאָס פון „דאָן זשואַן", און איינינגע דראַמעס. אַריינגערעכנט "קיין" און „ווערנער". אין 1821 האָט ער זיך באַזעצט אין פּיזאַ, דאָרט האָט ער זיך פאַרנומען מיט שרייבן זיין „דאָן זשואַן". מיט דער אויסנאַם פון זיין פּאָעמע „דהי וויזשאָן אָוו דזשאַדזשמענט", האָט ער די גאַנצע צייט דאָרט געווידמעט צו זיין ווערק „דאָן זשואַן".

אין 1822 האָבן בייראָן, שעלי און לי האַנט אָנגעהויבן אַרויס־צוגעבן אַ זשורנאַל מיט דעם נאָמען „דער ליבעראַל". נאָך דעם טראַגישן טויט פון שעלי, האָט זיך בייראָן צעקריגט מיט האַנט'ן און דער זשורנאַל איז באַלד אונטערגעגאַנגען.

זומער 1823 איז ער אָפּגעפאָרן נאָך צעפאַלאָניאַ, צו העלפן די גריכן אין זייער קאַמף פאַר אומאָפּהענגיקייט. פון צעפאַלאָניאַ איז ער געפאָרן נאָך מיססאַלאָנהי איז אָנהייב יאַנואַר 1824. ער האָט דאָרטן געטראָפן טומל און כאַאָס. אָבער אין פאַרלויף פון דריי מאָנאַטן איז אים געלונגען אַריינצוברענגען אַ געוויסע אָרדענונג. זיין געזונט האָט אָבער אָנגעהויבן צו ווערן שוואַכער און שוואַכער.

דעם 19טן אַפּריל, 1824, איז לאָרד בייראָן געשטאָרבן.

בייראָנ׳ס באַרימטקייט האָט זיך מער אויף די שטאַרקייט פון זיין פערזענלאַכקייט, ווי אויף זיין גרויסקייט אַלס דיכטער. בייראָן איז געווען דער גייסטיקער שפּיגל פון זיין צייט. אין זיינע ווערק האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער אומרואיקער גייסט פון זיין דור. דער קאַמף געגן רעליגיע און טיראַניע איז דעמאָלט געווען פריש. און בייראָן דער לאָרד איז אין דער זעלבער צייט געווען דער מוטיקער רעוואָלוציאָנער און פרייהייטס קעמפער. אין זיין ערשטע רעדע אין ענגלישן פּאַרלאַמענט האָט ער פאַרטיידיקט די ענגלישע אַרבעטער.

זיין פּאָעמע „דער געפאַנגענער פון שילאָן" שטעלט מיט זיך פאָר די ליידן וואָס די העלדן פון פרייהייט האָבן באַדאַרפט אויס־שטיין אין זיין צייט.

כאָטש בייראָן אַליין איז קיינמאָל ניט געווען געפאַנגען אין א תפיסה, דאָך האָט ער זעלבסט דורכגעמאַכט די זעלבע ליידן וואָס דער געפאַנגענער פון שילאָן, וויל פאַר בייראָנ׳ען, ווי פאַר יעדן פרייהייטס־גייסט, איז די גאַנצע וועלט א תפיסה. ניט קוקנדיק וואָס בייראָן האָט געהאַט פיל מער מעגלאַכקייטן צו דערגרייכן צו זאַכן, זייענדיק א לאָרד, — האָט ער אָבער מער געליטן ווי א געוויינטלאַכער בירגער. ער האָט געליטן פון דער וועלט, וויל זי האָט אים מיספאַרשטאַנען. ער איז געווען צו הויך איבערגעוואַקסן איבער זיין צייט. אָבער טראָץ אַלע מיספאַרשטענדענישן, האָט ער מיט זיין ענערגישער פערזענלאַכקייט געהאַט א גרויסן איינפלוס אויף די פרייהייט באַוועגונגען פון זיין אייגענעם דור ווי אויך אויף די שפּעטערדיקע דורות.

דער געפאַנגענער פון שילאָן

אַ סאָנאַטע צו שילאָן.

דו אייביקער געדאַנק פון פרייהייט׳ס גייסט!
אין תפיסה לייכסטו מיט דער העלסטער פּראַכט,
ווייל אין דעם האַרצן וועלטיקט דאָן דיין מאַכט —
דאָס האַרץ וואָס ווערט מיט ליבע נאָר געשפּייזט;

און זיינען קייטן דיינע זין באַשערט —
די קייטן, און דער תפיסה׳ס פייכטע נאַכט,
דאָן ווערט נצחון פאַר דעם פאָטערלאַנד געבראַכט
און פרייהייט׳ס רום צוטראָגט זיך אויף דער ערד.

שילאָן! דיין תפיסה איז אַ טעמפּל דאָך,
דיין טרויעריקער באָדן — אַן אַלטאַר;
ווייל איינגעקריצט אויף אים געבליבן נאָך
איז, ווי אין זאַמד, די טריט פון באָניוואַר *),
הלואי דערציילן אייביק זיי פון יאָך
און שרייען ראַכע פאַר דעם שווערן צער!

*) דער שלאָס פון שילאָן געפינט זיך אין פראַנקרייך ביים טייך לימאַן. די תפיסה באַשטייט פון אַ גרויסע צאָל צעלן אין דעם פונדאַמענט פון שלאָס איינגעטונקען אין דעם וואַסער. אַהין פלעגט מען דאָס פאַרשפאַרן און אָנטאָן אַלערליי פּורעניות די אַמאָליקע אידעאַליסטן וואָס פלעגן קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פון זייער לאַנד. די היסטאָריע באַשרייבט, דאָס טשאַרלס דער פינפטער, דער הערצאָג פון סאַוואָי, האָט געשטורעמט און איינגענומען דעם שלאָס אין יאָר 1596, וואו ער האָט געפונען אַן אומגעהייערע צאָל באַהאַלטענע אוצרות און פיל שמאַכטנדיקע מענטשן וועלכע זיינען אויסגעגאַנגען אין דער שמערצלאַכער אַגאָניע אין די צעלן פון דער פייכטער און פינסטערער תפיסה. צווישן יענע אומגליקלאַכע האָט ער אויך געטראָפן דעם גוטן און גרויסן קעמפער באָניוואַר, וועמענס פוס־טריט זיינען פאַרבליבן אין דעם דיל ווי צייכנס איינגעקריצט אין זאַמד ביז היינט־צו־טאָג.

1

איך בין שוין גרוי, — דאָך ניט די יאָרן
האָבן דאָס געמאַכט,
ניט דורך איין נאַכט
איז ווייס מיין קאָפּ פון שרעק געוואָרן;
ס'האָט ניט די אַרבעט מיך פאַרקרימט,
נאָר שלעכטע רו האָט מיך פאַרצערט,
ווייל תפיסה איז געווען באַשטימט
און אויך אַ מזל מיר באַשערט,
ווי די, וואָס פון דער וועלט פאַריאָגט
און פריי צו אָטעמען פאַרזאָגט;
צוליב מיין פאָטער'ס גלויבן געטראָגן קייטן
און אָפט אויף זיך דעם טויט געבעטן;
פאַר'ן גלויבן האָט מיין פאָטער ס'לעבן
צום מאַרטער-סלופּ אַוועקגעגעבן
און אויך פאַר דעם האָט מען פאַרשיקט
די זין אין תפיסה, און דערשטיקט.
זיבן זיינען מיר געווען;
איצט — איך איינער נאָר אַליין!
יאָ, געווען צוזאַמען זיבן,
זעקס נאָך יונג, און איינער אַלט, —
ביז צום לעצטן טאָג פאַרבליבן
שטאָלץ אַנטקעגן שונא'ס געוואַלט.
איינער אין אַ פייער, צוויי
געפאַלן דורך מלחמה-גלות,
היים פאַרזיגלט מיט דאָס בלוט
זייער גלויבן האָבן זיי;
אַלע קעמפנדיק פאַר גאָט —
וועם דער שונא האָט פאַרשפּאָט;
דריי אין טורמע-גרוב פאַרטריבן,
איך — אַ חורבה — בין פאַרבליבן.

.2

שטעהן זיבן זיילן פון גאָטישן געבוי,
אין שילאָנ׳ס תפיסה, טיף און אַלט,
שטעהן זיבן זיילן, מאַסיוו און גרויס און גרוי;
אַ מאַטער שטראַל, פאַרבלאָנדזשעט, פאַלט,
מיט תפיסה׳ס אומעט אין געזיכט,
און דורך דער וואַנט פון דורך אַ שפּאַלט,
שלייכט אויף דעם באָדן, פייכט און קאַלט,
אָט ווי אַ מעטעאָריש ליכט.
אין יעדן זייל א רינג פאַדרייט,
פון יעדן רינג הייגגט נאָך אַ קייט.
די קייט איז שאַרף, און שווער, און דריקט,
און אירע ציין אין לייב נאָך ליגט,
מיט צייכנס טיפע וואָס איך טראָג
ביז צו מיין נייעם לעצטן טאָג,
וואָס האַלט מיין קאָפּ צו דר׳ערד געבויגן,
און שאַפט אַ ווייטאָג מיינע אויגן,
וואָס האָבן ניט געזען שוין לאַנג
דעם זון־אויפגאַנג און זון־פאַרגאַנג.
איך קאָן ניט ציילן מער די יאָרן,
איך האָב דעם חשבון לאַנג פאַרלאָרן;
זינט ווען מיין לעצטער ברודער איז
— פאַרשלאַפט — געפאלן פון די פיס,
געשטאָרבן עלנד אויף זיין קייט,
און איך, אַ לעבעדיקער, ביי זיין זייט.

.3

זיי האָבן אונז געבונדן יעדן צו אַ שטיין,
מיר זיינען דריי געווען, — דאָך יעדערער אַליין;
מיר האָבן ניט געקענט פון אָרט זאָגאַר אָפּגיין.
מיר האָבן ניט געקאָנט דעם צווייטנס פּנים זען,
ווייל אין דער בלאַסער און שוואַרץ-בלויער ליכט
האָט אויסגעוויזן פרעמד דעם אַנדערנס געזיכט.
אַזוי צוזאַמען — דאָך צעטיילט,
געבונדענע, דאָך טרייהייט היילט...
בארויבט פון ריינעם גליק פון לעבן,
האָט דאָך עס טרייסטונג אונז געגעבן,
און אונזער עלנדקייט צו היילן:
זיך מעשיות צו דערציילן,
פון העלדנטאַטן אַ לעגענדע
וואָס האָט פאַרמאָגט אַ גוטע ענדע.
נאָר ענדלאַך האָט אויך ביים דערציילן
דאָס פייער אָנגעהויבן פעלן;
די שטימען אָפּגעקלונגען קאַלט,
מיט תפיסה-עכה אָפּגעשאַלט
און גרילצנדיק, ניט פול און פריי,
ווי אין דער יוגנט, זילבער ריין,
פּילייכט שפּילט איינבילדונג דערביי —
פאַר מיר, איז דאָס דאָך פרעמד געווען.

.4

געווען בין איך דער עלטסטער פון די דריי,
דערפאַר פלעג איך זיי שטענדיק געבן מוט,
איך האָב, מיר דאַכט, דערפילט מיין פליכט געטריי,
און יעדער, אויף זיין שטייגער — איז געווען גוט.
דער אינגסטער, וועם מיין פאָטער האָט געליבט,
געווען איז ענלאַך צו דער מוטערס בילד,
די אויגן זיינע הימל־בלוי און מילד, —
אָט דער האָט מיך צום ביטערסטן באַטריבט.
און, אמת, ס׳איז גאַנץ טרויעריק געווען,
אַזאַ מין פויגל אין אַזאַ נעסט צו זען;
ער האָט געלויכטן ווי דער טאָג, —
(ווען טאָג האָט מיר געשיינט נאָך שען,
און בין ווי אָדלערס פריי געווען) —
געלויכטן ווי דער פּאָלאַר טאָג,
וואָס טוט אַ זון פאַרגיין ניט זען
ביז ס׳טוט דער זומער ניט פאַרגיין,
אין ליכטיקן שניי דער זומער וואַכט,
דער זון׳ס אַ קינד וואָס זעט ניט נאַכט.
אַזוי איז ער אין גייסט געווען,
אַ פריילאַכער און זויבער ריין,
און שטענדיק מיט עניוות גרייט
אַ מענטשן העלפן אין זיין נויט,
און טרערען הייסע לאָזן גיסן
ווי שטראָמען, וואָס פון בערגער פליסן,
ביז ער האָט טרייסט זיין פריינט געבראַכט,
און לייכט זיין שווערע האַרץ געמאַכט.

5.

דער אַנדערער אין גייסט אויך ריין,
נאָר פאַר דעם קאַמף האָט ער געפאַסט;
אַ ריז אין גוף איז ער געווען
מיט מוט אַנטקעגן יעדער לאַסט;
געאַפּערט פריי זיך אין דעם שטרייט
אַבי ניט שמאַכטן אויף דער קייט.
בלויז דורך דעם קלאַנג, האָב איך געזען,
זיין מוט פלעגט פאַלן, שטיל פאַרגיין; —
דאָס זעלבע פלעגט מיט מיר פאַסירן,
כאָטש איך פלעג האָפנונג אָפט נאָך שפּירן
און אַלץ אויפס'ניי מיט פייער ליבן
וואָס איז אין אָנדענקען געבליבן.
געווען איז ער אַ יעגער לאַנג,
אין בערג געגאַנגען אויף געפאַנג,
דערפאַר איז קייטן, תפיסה'ס נויט
געווע אים ערגער ווי דער טויט.

.6

טייך לימאַן ליגט ביי שילאָנ׳ס ווענט,
און וואַשט איר טיפן פונדאמענט ;
עס האָט די שטריק געצייגט זי איז
ביז צו איר תהום אַ טויזנט פים.
דאָס וואַסער און די ווענט פון שטיין
אַ טאָפל וואַנט איז אונז געווען ;
אין אָט דעם לעבעדיקן גרוב,
אין פייכטער פינסטערניש געבויט,
געשמידט אין קייט און צו אַ סלופּ,
דערקענט האָט יעדערער זיין טויט.
געהערט דאָס מורמלען דורכאַנאַנד
פון וואַסער, שלאָגנדיק די וואַנט ;
געפילט די שטורעמס שפּריצן-שוים,
אין ווינטער, דורך דעם גראַטן-צוים,
און ס׳פלעגן ציטערן די ווענט
און טרייסלען אַזש דעם פונדאַמענט. —
עס האָט מיך גאָרנישט ניט געאַרט,
ווייל אויף דעם טויט האָב איך געוואַרט.

.7

פון עלטערן ברודער, ווי געזאָגט,
האָט זיך דאָס שטאַרקע האַרץ אָנטזאָגט;
פאַר׳מיאוס׳ט דאָס עסן, און געפּאַסט, —
ניט בלויז דערפאַר, וואָס פּראָסט און האַרט, —
דאָס יעגער־שפּייז האָט אונז געפּאַסט,
און ס׳האָט אונז ווייניק וואָס געאַרט;
מיר פלעגן רונע־וואַסער קריגן,
אַנשטאָט די ריינע מילך פון ציגן;
און ברויט אַזאַ, וואָס ווערט פון לאַנג
באַנעצט מיט טרערן, פון נויט און דראַנג,
זייט ס׳איז דער מענש פון מענש פאַרנאַרט,
אַ חיה אין אַ שטייג פאַרשפּאַרט.
דאָך קיינמאָל האָבן ניט די זאַכן
געקאָנט אונז אַלע מוטלאָז מאַכן.
מיין ברודער אָבער איז געווען
אַ מענטש מיט פרייהייטס־ליכט באַהעלט,
אַ פּאַלאַץ וואָלט אַ גרוב אויסזען,
ווען אים וואָלט בערג־לופט נאָר געפעלט.
ער איז געשטאָרבן — עס איז געשען!
כ׳האָב ניט געקאָנט, כאָטש אַלץ געזען,
דערגרייכן צו דעם גוף דעם קאַלטן,
דעם קאָפּ דעם גוסס צו צו האַלטן.
אומזיסט, אומנישט באַמיט זיך רייסן

פון מיינע קייטן, און זיי צובייסן.
געשטאָרבן, — אים אויסגעטאָן די קייט,
עס האָט אין פייכטן באָדן גרייט
אַ פלאַכע גרוב אויף אים געוואַרט,
דאָרט האָט מען אים אויף שנעל פאַרשפּאַרט.
איך האָב געבעטן, אַלס געשאַנק,
אים לייגן כאָטש אויף פרייע ערד,
וואָס ווערט פון זונען־שיין גענערט,
— מיין אייגן נאַרישער געדאַנק —
ס'וועט פרייהייט אים, האָב איך געגלויבט,
אויך נאָך זיין טויט, אים זיין באַרויבט;
דאָך ס'איז אומזיסט, האָב איך געטראַכט,
זיי האָבן ווילד מיך אויסגעלאַכט,
מיין בעטן האָט זיי ניט געאַרט, —
און האָבן אים אין גרוב פאַרשאַרט.
די פלאַכע, נאַקעטע ערד פון אויבן,
דעם ליבסטן מענטשן, קוים צו גלויבן,
זיין לעצטע קייט געלעגט ניט וויט,
געמיינט אַלס דענקמאָל, ביי זיין זייט.

.8

דאָך יענער, וועלכער זינט געבאָרן,
איז אונזער ליבלינגס־בלום געוואָרן,
ווייל יונג איז ער געווען און שיין,
פאַרמאָגט דער ליבער מוטער׳ס חן,
פון אים האָט שטאַרבנדיק, געטראַכט
דער פאָטער מערסט, און אויך געמאַכט
איך זאָל השגחה אויף אים געבן;
איך האָב דערפאַר מיין גאַנצן לעבן
באַמיט זיך דינען אים געטריי,
ביז איך וואָלט אים געזען פריי;
אויך דער, וואָס אין זיין העלדיש בלוט
גע׳ירש׳ענט האָט דעם פאָטער׳ס מוט,
אויך ער, האָט וועלקן אָנגעפאַנגען,
איז ווי אַ בלום אין הערבסט פאַרגאַנגען.
אָה, גאָט! ווי שרעקלאַך ס׳איז צו זען
ווי מענטשן שטאַרבן און פאַרגיין,
עס איז קיין אונטערשייד פון ליידן
וואָס טרעפן זיך ביי דעם צעשיידן:
געזען דעם מענטש אין בלוט פאַרלאָפן,
אויף בייזע כוואַליעס אים געטראָפן,
אין לעצטן קאָנוואולסיוון קראַמף,
גאַר מאַכטלאָז זינקענדיק אין קאַמף;
דעם זינדיקן גוסס אויך געזען
אין וואַנזינ׳ס ווייען זיך פאַרגיין;
עס זיינען שרעקן — און דאָס, בלויז נויט,
דאָך זיכער, לאַנגזאַם קומט דער טויט.

ער האָט געוועלקט גאַנץ רואיק, שטיל,
פאַרגאַנגען אין אַ צאַרט געפיל,
אָן טרערן, בלויז אין אומעט טריבן
פאַר די וואָס זיינען נאָך געבליבן.
זיין פנים האָט צעבליט זיך רויט,
ווי אָפּגעשפּאָט וואָלט ער פון טויט;
ביז, ווי דעם רעגנבויגנ'ס שטראַלן,
פלעגט רואיק, בלאָס, די פאַרב צעפאַלן, —
דאָס אויג, מיט זון-ליכט טיף באַהעלט,
פאַרשיינען פלעגט די תפיסה-וועלט;
קיין זיפץ, קיין מורמלען ניט געהערט,
אויף אַלץ וואָס ס'מזל האָט באַשערט;
נאָר פון דער צוקונפט פלעגט ער ריידן
ווען גלויבן פלעגט פון מיר זיך שיידן,
פלעג איך אין שטומען שווייגן בלייבן,
פלעגט ער מיין אומעט באַלד פאַרטרייבן.
ער פלעגט זיין זיפצן אָפּט דערשטיקן,
זיין אָפּגעשוואַכטקייט אונטערדריקן.
זיך געגן שונא ניט געוועהרט,
ביז מ'האָט אים מער שוין ניט געהערט.
איך האָב געהאָרכט — קיין קלאַנג פון שטים,
געשיקט אין אַנגסט מיין קול צו אים;
געוואוסט די האָפנונג איז אַוועק,
דאָך ניט געשטילט האָט זיך מיין שרעק;
איך האָב גערופן נאָכאַמאָל,
מיר האָט געדאַכט, איך הער אַ קול —
אַ שטאַרקן פליק, עס האָט געגליקט,
איך האָב מיין קייט אין צוויי צעפליקט!
פלינק צו צו אים — ער לעבט ניט מער!
דערפילט מיין לעבן איז מיר לער;

איך בין גאָר עלנד שוין געווען,
געטעמט תּפיסה־לופט אַליין.
מיין איינציקער ברודער, מערסט באַליבט,
וואָס האָט דער לעצטער מיר פאַרקניפּט
מיט די וואָס האָבן דאָ געליטן,
איז איצט דורך טויט פון מיר פאַרשניטן.
געהאַט מיט זיך דאָ ברידער צוויי,
געטויטעט האָט די תּפיסה זיי.
איך האָב זיין טויטע האַנט באַרירט
און האָב אַ גרויסע קעלט דערשפּירט.
קוים קראַפּט געהאַט זיך אויפצוהייבן,
כ׳האָב בלויז געפילט איך טו נאָך לעבן —
אַ מאָדנעם פילן שאַפט דאָס וויסן:
דאָס ליבסטע איז אַוועקגעריסן!
איך קאָן אויף קיין שום אופן זאָגן,
ווי כ׳האָב דאָס אַלץ געקאָנט פאַרטראָגן;
מיין גלויבן בלויז האָט מיר אין נויט
פאַרבאָטן נעמען זיך דעם טויט.

.9

וואָס ס'איז מיט מיר דערנאָך געשען,
געדענק איך ניט — עס בלייבט פאַרהילט;
איך האָב דאָס ליכט ניט מער געזען
און אויך דעם חושך ניט געפילט.
קיין איין געדאַנק, געפיל — אָ, ניין,
נאָר צווישען שטיינער געווען אַ שטיין;
איך בין געדאַנקענלאָז געווען,
ווי אין טומאַן דער פעלזנשטיין;
אַרום מיר טריב און גרוי און בלייך,
ניט נאַכט, ניט טאָג — צו גאָר ניט גלייך;
עס האָט אפילו ניט געפּאַסט
מיט תפיסה-ליכט — פון מיר פאַרהאַסט;
ס'איז בלויז געווען אומענדלאכקייט,
באַשטענדיקייט — אָן אָרט, אָן צייט;
כ'האָב ערד און הימל ניט געזען,
קיין גוטס, קיין שלעכטס און קיין געשען;
אין שטומער שטילקייט בלויז געשוועבט,
וואָס הייסט ניט טויט און ניט געלעבט,
און אויסגעזען האָט אַלץ אַרום
אַ טייך, באַוועגלאָז, בלינד און שטום.



איך האב דאס ליכט ניט מער געזעהן
און אויך דעם חשך ניט געפילט

.10

אַ נייע זון איז אויפגעגאַנגען —
איך האָב דערהערט אַ פויגל זינגען;
פאַרשטילט, — און ווידער אָנגעפאַנגען, —
כ׳האָב ניט געעהרט וואָס שענערס קלינגען;
און נאָס די אויגן פלעגן ווערן,
אוים דאַנקבאַרקייט, מיט פריידן־טרערן;
אין איבעראַשונג ניט געזען
ווי כ׳בין אין עלנד נאָך געווען;
נאָר ביסלאַכווייז האָט צוריק מיין זין
געוויזן מיר אַוואו איך בין.
דערזען צוריק דער תפיסה׳ס וואַנט,
און אַלץ אַרום אין זעלבן שטאַנד,
באַמערקט אַ שטראַל פון זונען־שיין,
ווי פריער, דרינגט צו מיר אַריין;
נאָר דורך דעם שפּאַלט האָב איך דערזען
דעם פויגל זיצן ליבליך שעהן,
פיל מילדער ווי אויף זיינע צווייגן, —
אַ ליבער פויגל, מיט פליגל בלוי,
פאַר מיר געזונגען ליב אַזוי,
ווי ער וואָלט מיר זיין מיטלייד צייגן!
אַזאַ סאָרט פויגל נאָך ניט געזען
און וועל אים ווידער מער ניט זען:
ווי ס׳וואָלט אויך אים אַ פריינט געפעלט;
דאָך אים האָט עס גאָר קוים געקווילט;
ווי ער וואָלט ברייננען מיר פיל גריסן,

װען פֿון דער װעלט לאַנג אָפּגעריסן,
און װאָלט געבראַכט מיר אַלס געשאַנק
צוריק מײַן פֿילן און געדאַנק.
איז ער פֿון רוים אַראָפּ צו מיר,
צי פֿון זײַן שטײג צעשטערט די טיר? —
נאָר כ'האָב געקענט די תּפֿיסה לאַנג,
צו שװער געװען װאָלט אים דער דראַנג.
„און מעגליך, אַז פֿאַרשטעלט ער איז
מיט פֿליגל, אַ גאַסט פֿון פּאַראַדיז“,
— פֿאַרגיב מיר, גאָט! װאָס כ'האָב געטראַכט
אַזױ, מײַן פֿרײד האָט דאָס געמאַכט; —
פֿילײַכט איז גאָר צו מיר אַראָפּ
מײַן ברודער'ס גײסט? — איז דורך מײַן קאָפּ;
אָ, ניין, ער איז אַװעקגעפֿלױגן,
געמוזט אַ שטערבלאַכער דאָן זײַן,
אַניט װאָלט ער ניט אָפּגעצױגן
און מיר געלאָזט צװײ מאָל אַלײן, —
אַלײן — צום מת אין קבר גלײַך,
אַלײן — װען אױף דעם הימלס-רײַך,
דאָרט, װי אַ פֿלעק, עס בלאָנדזשעט אום,
אײן-אײנציק װאָלקנדל אַרום,
װען ס'איז דער הימל קלאָר און רײן,
די האָריזאָנטן העל און שײן;
און ס'װאַנדערט אײנזאַם זיך אַזױ,
װען אַלץ זעט פֿרײלאַך אױס און בלױ.

.11

דאָ האָט אַן ענדערונג פּאַסירט:
די וועכטער, וועמען קיינמאָל אַרט
דעם מענשנ'ס פּיין, און בלייבן האַרט, —
זיי האָט איצט מיטלייד גאָר גערירט;
איך האָב די אורזאַך ניט געזען,
אַזוי איז אָבער דאָס געשען: —
די קייט פון וועלכער כ'בין אַרוים
געבליבן איז צעשאָטן לויז;
איך האָב געקאָנט שפּאַצירן פריי,
ביים וואַנט פון תפיסה גיין פאַרביי,
אַהין, אַהער און אויך פאַרקערט,
און רונד אַרום פון יעדן זייל,
געקומען צוריק צו יעדן טייל,
וויפיל איך האָב אַליין באַגערט;
אַחוץ די נאַקטע קברים צוויי —
זיך אויסגעהיט באַטרעטן זיי,
ווייל וואָלט מיין פוס אַרויף נאָר דאָרט,
פאַרשוועכט וואָלט איך דאָס הייליק אָרט,
עס וואָל מיין אָטעם מיר פאַרכאַפּט,
און ס'וואָלט מיין האַרץ מיט שרעק געקלאַפּט.

.12

און טיפער האָב איך ביי דער וואַנט
געלאָזט די פוס-טריט דורכאַנאַנט,
כ'האָב פון אַנטלויפן ניט געטראַכט,
ס'וואָלט סיי ווי סיי קיין גליק געבראַכט;
דאָ זיינען דאָך געווען באַגראָבן
אָט די וואָס פלעגן ליב מיך האָבן.
ס'איז מיר געווען די תפיסה ווערט
פיל מערער ווי די פרייע ערד: —
קיין קינד, קיין פאָטער, — גאַנץ אַליין,
קיין פריינט אין נויט איז ניט געווען.
איך האָב פון זיי מיט פרייד געדענקט,
נאָך זיי האָט שטאַרק מיין האַרץ געבענקט;
כ'בין דאָך גאַנץ נייגעריג געווען
צו מיינע גראַטן אַרויפצוגיין
און מיט פיל ליבע און אַנטציקן
די הויכע בערג נאָך אָנצובליקן.

.13

כ׳האָב זיי געזען — און ווי געווען,
פּאַבליבן אומפּאַרענדערט שעהן;
גאַנץ הויך דער טויזנט־יאָרקער שניי,
ווי אויך דער טייך צופוסן זיי;
דעם בלויען רהיין געזען פליסן,
געהערט ווי איבער בערג און שטיין
דאָס שטראָמיק וואַסער זילבער־ריין
טוט שפּרינגענדיק זיך ווייט צעגיסן;
געזען דאָס ווייסע שטעטל ווייט,
און שיפלאַך וויטערע ביים זייט;
און דאָן אַן אינזעלע גאָר קליין
וואָס האָט געשמייכלט פול מיט חן,
קיין אַנדערס ניט געווען צו זען;
אַ גרינער, קליינער אינזל, קוים,
די גרויס און ברייט פון תפיסה׳ס רוים;
איך האָב באַמערקט דריי בוימער דאָרט,
די בערג־לופט האָט געקילט דעם אָרט,
און נאָנט פיל וואַסערן אין לויף,
מיט בלומען איבעראַל דערויף.
ווי לופטיק און ווי שיין!
געזען די פיש אין וואַסער שפּילן,
פונקט ווי זיי וואָלטן פרייליך פילן;
דער אָדלער האָט געשוועבט געשווינט,
און פרייער, פלינקער פון דעם ווינט,
פאַרביי דעם הימל בלוי און פריי.

כ׳האָב באַלד צעוויינט זיך גאָר אויפסניי,
געפילט באַטריבט — געווען גרייט
שוין בעסער בלייבן מיט מיין קייט;
און ווען כ׳האָב אָפּגעקערט מיין קאָפּ,
און בין פון פענסטער צוריק אַראָפּ,
האָב איך דערפילט דעם חושך באַלד,
ווי ס׳דריקט אַ משא מיט געוואַלד;
און ס׳האָט זיך דעמאָלט אויסגעדאַכט:
אַ פרישער קבר צוגעמאַכט, —
דאָך האָט מיין אונטערדריקטער בליק
באַגערט די פינסטערניש צוריק.

.14

צולעצט, נאָך פילע לאַנגע יאָרן —
איך האָב דעם רעכענונג פאַרלאָרן,
ווען ס׳איז אַוועק מיין לעצטער גלויבן,
פון שטויב די אויגן אויפצוהויבן,
איז מען געקומען דאָ צו מיר
מיר פריי צו עפענען די טיר;
כ׳האָב ניט געפרעגט: וואָרום? וואוהין?
פאַר מיר האָט אַלץ געהאַט איין זין
צו טראָגן קייטן, אָדער ניט, —
איך האָב געליבט מיין טריב געמיט.
דעריבער ווען מען איז געקומען
און מיר מיין קייט אַראָפּגענומען,
דאָן איז געוואָרן הייליק מיר
די תפיסה, ווי אַ מאָנאַסטיר.
און עפּעס האָב איך דאָן געגלויבט —
איך ווער פון צווייטער היים באַרויבט.
איך האָב דאָך דאָרט שטודירט די שפּינען,
אום זייער פריינטשאַפט צו געווינען,
דאָס מייזן־שפּיל אין לבנה־שיין, —
וואָרום דען זאָל איך אַנדערש זיין?
געוואוינט מיט זיי אין זעלבן אָרט,
און בין געווען דער הערשער דאָרט,
צו טויטן זיי געהאַט דאָס רעכט —
דאָך פלעגן מיר ניט לעבן שלעכט;
איך בין מיט קייטן געוואָרן פריינט, —
ס׳מאַכט אַלץ געוואוינהייט, ווי עס שיינט —
און ווען איך בין באַפרייט געוואָרן,
האָב איך דערפילט, כ׳האָב אַלץ פאַרלאָרן.
(ענדע)

פֿון לאָרד בײראָנ׳ס העברעאישע מעלאָדיען

מיין זעל איז טריב

מיין זעל איז טריב — אָ, שפּיל די האַרף —
מיין האַרצנ׳ס איינציקער פאַרלאַנג;
מיט דיינע פינגער שפּיל, צעוואַרף
די דינע טענער פול מיט באַנג.
אויב ס׳קאָן מיין האַרץ נאָך האָפן מער,
דאַן וועקט די האַרפע מיט איר קלאַנג;
אויב ס׳לויערט נאָך אין אויג א טרער
און פליסט זי — שטילער ווערט מיין דראַנג.

ניט שפּיל אַרוים מיט פרייד-געשאַל,
עס טונקט דער קלאַנג אין ווילדן שמאַרץ;
אויפברעכן מוז דער טרערן-קוואַל,
אַניט צעפּלאַצט פון וויי מיין האַרץ;
עס האָט דאָך דאָרט די זאָרג באַזעצט
דורך טריבע נעכט פון גאָר שוין לאַנג;
ס׳איז פאַרטיק פאַר דאָס ערגסטע איצט,
עס פּלאַצט — אויב ס׳קומט ניט דאָס געזאַנג.

פֿאַר מיר האָט דורכגעשלייכט אַ גייסט

פֿאַר מיר האָט דורכגעשלייכט אַ גייסט אין ליכט,
דערבליקט האָב איך דאָן אייביקייט׳ס געזיכט, —
אויף יעדנ׳ס אויג רוט שלאָף, נאָר איך אַליין
דערזע: געשטאַלטלאָזע — דאָך געטלאַך שעהן;
פֿון שרעק מיין לייב און ביין פֿאַרציטערט ווערט,
די האָר פֿארשפּיזט — אָט וואָס איך האָב געהערט:

„ווי קאָנסטו מענטש דען זיין מער ריין, גערעכט,
אַז שרפים זיינען דאָך פֿאַר גאָט ניט עכט?
געבויט פֿון ערד — און גייט צוריק צו ערד!
אַנטקעגן אים וואָס האָסטו פֿאַר אַ ווערט?
איין־טאָג־געשאַף, וואָס נאָך פֿאַר־נאַכט צערינט, —
פֿאַר ווייזהייטס העלן ליכט בלייבסט מאַכטלאָז, בלינד.“